**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 1.35 מיליאן דאלאר דא צו באקומען צו באשיצן ניו יארקע וועלדער**

***פינאנצירונג צו באקומען דורך 'וואלד אפהיטונג אפמאכן פאר לאנד טראָסטס' גרענט פראגראם***

***אינוועסטירונג טרייבט אונטער שותפות צו באשיצן ניו יארק'ס וועלדער און פאראויס שטופן גאווערנער'ס אפהיטונג ציהלן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 1.35 מיליאן דאלאר איז יעצט דא צו באקומען צו באשיצן ניו יארק'ס וואלד לענדער. דער 'וואלד אפהיטונג אפמאכן פאר לאנד טראָסטס' גרענט פראגראם ערמעגליכט בארעכטיגטע און אפיציעל אנערקענטע לאנד טראָסטס צו אפלייען פאר ביז $350,000 צו באצאלן פאר אפהיטונג אפמאכן ('איזמענט' קאנטראקטן וואס באגרעניצן לאנד באנוץ) מיט אייגנטימער פון וואלד שטחים אין ניו יארק סטעיט פאר די צוועק פון באשיצן די לענדער און ארויסנעמען זייערע מערערע עקאנאמישע און ענווייראמענטאלע בענעפיטן.

"אינוועסטירונגען אין וואלד אפהיטונג ברענגט ניו יארק נאענטער צו אונזער אמביציעזע ציהל פון באשיצן 30 פראצענט פון די סטעיט'ס לענדער און וואסער ביז 2030, א ציהל וואס וועט דערמיט באשיצן די וואוינונג ערטער פון ווילדע באשעפענישן, היטן אויף די פארשידנארטיגקייט פון לעבעדיגע מינים, באשיצן לופט און וואסער קוואליטעט און העלפן באקעמפן די ווירקונגען פון קלימאט טויש", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס שטיצן די שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן איז קריטיש צו באשיצן ווערטפולע וועלדער וואס זענען היימער צו באשעפענישן און צו פאראויס שטופן אונזערע ציהלן צו באשיצן אפענע שטחים."

די 'וואלד אפהיטונג אפמאכן פאר לאנד טראָסטס' ( Forest Conservation Easements for Land Trusts, FCELT) גרענטס העלפן פארשנעלערן לאנד אפהיטונג צו באשיצן די קריטישע עקאלאגישע סיסטעם סערוויסעס וואס וועלדער שטעלן צו, אריינרעכענענדיג מיטן העלפן באקעמפן קלימאט טויש. די גרענטס ווערן פארטיילט דורך די 'לאנד טראָסט אליאנס' (Land Trust Alliance) אין צוזאמענארבעט מיט די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC). פינאנצירונג פאר דעם גרענט פראגראם ווערט צוגעשטעלט דורך די סטעיט'ס ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund, EPF) — א קריטישע מיטל פאר ענווייראמענטאלע פראגראמען, צום ביישפיל אפקויפן לאנד, שיצן פארם שטחים, פארמיידונג און פארניכטונג פון אריינדרינגענדע פרעמדע באשעפענישן, צוטריט צו פארוויילונג ערטער, וואסער קוואליטעט פארבעסערונג און ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט פראיעקטן. די גאווערנער'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 האלט די EPF פינאנצירונג אויף 400 מיליאן דאלאר — די העכסטע סומע פון פינאנצירונג אין די היסטאריע פון דעם פראגראם.

**דעפּאַרטמענט פון ענווייראָנמענטאַלע אָפּהיטונג קאָמישאַנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "באשיצן ניו יארק'ס וועלדער איז צענטראל צו עררייכן אונזערע קלימאט ציהלן און צו אפּהיטן לופט און וואסער קוואליטעט, און די 1.35 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך די גאווערנער וועט צושטעלן דירעקטע שטיצע פאר לאנד טראַסטס אזוי ווי מיר שטופן פאראויס שותפות'ן צו דערגרייכן אונזערע לאנד אפּהיטונג ציהלן. מיר מוטיגן אלע בארעכטיגטע לאנד טראַסטס צו אפּלייען און פאראויס שטופן די סטעיט'ס לאנד באשיצונג סטראטעגיעס."

נאר לאנד טראַסטס וואס זענען אפיציעל אנערקענט דורך די לאנד טראַסט אקרעדיטעישען קאמיסיע (Land Trust Accreditation Commission) קענען אפּלייען. 25 פראצענט אין אייגענע 'מעטשינג פאָנדס' איז פארלאנגט. אינטערעסירטע אפּליקאנטן מוזן ארייַנגעבן אן איבערבליק פון זייער פארגעשלאגענעם פראיעקט ביז מאי 10, 2024, אלס טייל פון דעם ערשטיגע אפּליקאציע פראצעדור. ארייַנגעבן א פולע אפּליקאציע קען נאר געטוהן ווערן דורכן באקומען אן איינלאדענונג דערפאר, און די וועלכע ווערן איינגעלאדענט דאס צו טוהן וועלן איינגעמאלדן ווערן ביז יוני 14, 2024. פראיעקטן וואס ווערן אויסגעקליבן פאר FCELT גרענטס דארפן פאראויס שטופן ציהלן און/אדער סטראטעגיעס וואס זענען אויסגערעכנט אין די ניו יארק סטעיט 'אפענע שטחים פלאן' (Open Space Plan), די ניו יארק סטעיט ווילדע באשעפענישן אקציע פלאן (Wildlife Action Plan), די ניו יארק סטעיט וואלד אקציע פלאן (Forest Action Plan) און/אדער אין אנדערע לאקאלע, ראיאנישע אדער סטעיט-ברייטע לאנד באשיצונג פלענער. פולשטענדיגע איינצלהייטן איבער די גרענט געלעגנהייט קענען געפונען ווערן אויף די [FCELT וועבזייטל](FCELT) בלאט.

**לאנד טראסט אליאנס ניו יארק פראגראם מענעדזשער, דזשעימי בראַון, האט געזאגט,** "א דאנק פאר די ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט פון ענווייראָנמענטאַלע אָפּהיטונג, גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פאר די איבערגעגעבנקייט צו באשיצן אונזער סטעיט'ס וועלדער. ניו יארק'ס לאנד טראַסט קאמיוניטי איז דאנקבאר פאר די שותפות און קען נישט ווארטן צו פארזעצן זייער ארבעט צו באשיצן און זיך אפּגעבן מיט אונזערע טייער געהאלטענע וועלדער כדי די לאנד זאל קענען פארזעצן צו בענעפיטירן אלע ניו יארקער."

די גרענט געלעגנהייט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן בויט ארויף אויף ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן אפענע שטחים דורך ערפאלגרייכע שותפות'ן. לעצטע וואך האט גאווערנער האקול [אנאנסירט](אנאנסירט) א היסטארישע אפמאך צו פערמאנענטערהייט באשיצן מער פון 14,600 אקער פון עקאלאגיש-זעלטענע און קולטוריש-באדייטנדע נאטורליכע קוועלער אין די עדיראַנדעקס דורך צוויי אפּהיטונג אפמאכן און א פארשונג גרופע אינציאטיוו מיט די The Nature Conservancy. די רעגירונג/פריוואטע פארשונג גרופע וועט ווייזן די וועג פאר ויסנשאפטליכע פארשונג פון א גלאבאל-זעלטענע עקאלאגישע סיסטעם ביי די פאלענסבי פאנד, און די אפּהיטונג אפמאכן וועלן צושטעלן נייע עפנטליכע צוטריט צו פארוויילונג ביי די טייכל וואס גיסט זיך אריין אין רעקעט ריווער.

**איבער די לאנד טראסט אליאנס**
געגרונדעט אין 1982 איז די לאנד טראסט אליאנס א נאציאנאלע לאנד אפּהיטונג ארגאניזאציע וואס ארבעט צו ראטעווען די פלעצער וואס מענטשן דארפן און האבן ליב דורכן פארשטערקערן לאנד אפּהיטונג אונטערנעמונגען אריבער גאנץ אמעריקע. די אליאנס פארטרעט מער פון 950 לאנד טראַסטס וואס זענען מיטגלידער און זייערע 6.4 מיליאן שטיצער אריבער דאס לאנד. די אליאנס איז באזירט אין וואשינגטאן די. סי. און האלט אויף עטליכע ראיאנישע אפיסעס. באזוכט די [לאנד טראַסט אליאנס וועבזייטל](לאנד טראַסט אליאנס וועבזייטל) פאר מער אינפארמאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן